בעזהשי"ת

# ספר

# מלחמות השם

## חלק א'

בו יבוארו המכשולות הגדולות איך שנכשלו ישראל קדושים בחומר האיסור של יין נסך

❖

קול קורא'ס ומאמרים בעניני חיזוק הדת שיצאו לאור עולם בבתי מדרשים וישיבות ובכתבי עת

❖

יוצא לאור על ידי

הוצאת אמונה - ברוקלין יצ"ו

שנת תשמ"ו לפ"ק - ולמספרם 986'

בעזרת השם יתברך

קונטרס

# יין נסיכם

## על מכשולי יין נסך

והוא:

**קול קורא'ס שיצאו לאור נגד התאחדות הרבנים שמכשילים את הכלל ישראל ביין נסך במזיד**

נדפס אלול תשמ"ח

ברוקלין נוא יארק

## וזאת למודעי

**שהכרוזים האלו היוצאים בעת אינו כולל כל הכרוזים ומודעות שיצאו לאור עד הנה, ועוד חזון למועד ברצות ה' עלינו, ובקשתינו שטוחה אל כל מי שיש תחת ידו כרוזים ומודעות אשר לא נמצאים בקונטרסים שלנו, נא לשלוח לנו העתקות, וכמו כן ישלח לנו באיזה ענין חיזוק הדת שיש לו כדי לזכות בו הרבים, ותודה למפרע**

## סוד ה' ליראיו

כ"ק אדמו"ר שליט"א סיפר בדרשתו ליין נסך בזה הלשון: הרב בערנאט ליווי שליט"א מאוי קעי לאבאריטאריס מטלפן אלי ומספר לי, המכשול הגדול בענין היין נסך.

הוא מספר, שטילפן להתאחדות הרבנים ואמר להם תדעו שיש מכשול גדול שהעסיק נעשה מיין נסך, ועל כן כל הפראדוקטן שנכנסו בהם העסיק הזה הוא באיסור של יין נסך ואסור למכרו ליהודי, ואומר לו שתיכף יכניסו מודעות בעיתונים ויטלפנו לכל בעלי המאניפעקטשערס, שלא למכור, וכן לטלפן לכל בעלי חניות שמהיום לא יוכשלו ביין נסך, ומה שנכשלו אי אפשר כבר לתקן, וכל הפחות מהיום והלאה לא יוכשלו. וכן לעשות מודעות בכל הבתי מדרשים. הרב ליווי מוסיף: שהוא הולך להכניס מודעות לכל העיתונים ולבתי מדרשים כדי שכולם ידעו לא להשתמש בהם.

התשובה מהאתחדות הרבנים היה כדלהלן: אני מבקש ממך לא לפרסם כלום כי עשינו הרבה פראדוקטן אולי יותר ממליאן דולר, ונחכה עד שיאכלו כל הפראדוקטן, ומהיום והלאה מה שנעשה יהיה הכל על טהרת הכשרות. הרב ליווי עונה לו, היתכן להכשיל הכלל ישראל במזיד ביין נסך בתירוץ של הפסד גדול? הלא אפשר למכרו לגוים? ולא יהיה הפסד רק שלא יהיה ריוח? ועל חשבון כזה איך אפשר שלא לפרסם. הרב ליווי אומר לו אני עשיתי את שלי עוררתי אותך, ואני את נפשי היצלתי.

הרב ליווי הכניס מודעות בכל העיתונים, ראה להלן המודעות, וכן יצא כ"ק אדמו"ר שליט"א במודעות וקול קורא'ס נגד המכשול הגדול, והרבה מאניפעקטשערס הכניסו מודעות כמה מהם האמת, וכו'. התאחדות הרבנים לא היה להם ברירה והצטרכו לכתוב משהו בענין הנ"ל, וכתבו על איזה פראדוקט ששם ישנו המכשול, ושאר כל הפראדוקטן הם כשרים בלי שום חשש ומכשול.

וכעשיהם בשחיטה ובחלב (יצאו לאור אלפי העתקות מהטעיפס הוואדערגעיט במכשולי החלב עם הכשר התאחדות הרבנים) כך מעשיהם ביין נסך, וכך הם מכשילים את הרבים בכל ענין של יסודי הדת, ובזה נתקיים נביאותו של כ"ק רשכבה"ג כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, שאמר שהוא מפחד שסוף כל סוף יעשה המזכיר כל דבר אסור ועל חשבון שמם של כל הרבנים שהם חברים שם.

SOFECIA

P.O. Box 10324
Stamford, CT 06904-2324
TEL. 203-323-2376
TELEX: ITT 4750057

May 12, 1986

# Open Letter

## Re: Vinegar Produced From Sofecia Alcohol

On September 26, 1985, Sofecia, S.A., an importer of alcohol, received the certification of Rabbi Bernard Levy of (K) Laboratories for product sold to manufacturers of Kosher vinegar. We have now become aware that some of this alcohol, distilled from grape product, may or may not be appropriate for Kosher vinegar.

Reproduced below is Rabbi Levy's certification. Although Sofecia has always stored and sold both fermentation ethyl alcohol and synthetic ethyl alcohol, Rabbi Levy's certification was in no way limited to any particular category.

His primary concern, expressed at a meeting at his home was that our fermentation alcohol was not of grain origin. Rabbi Levy never expressed concern relative to wine alcohol.

In summary, we regret any problems this has caused the Jewish community. Sofecia acted in good faith selling alcohol which has either synthetic or non-grain fermented, thus complying with the only requirements ever presented by Rabbi Levy.

Respectfully submitted,

Hans van der Kloot
Former General Manager

Robert L. Swaw
General Manager-Bulk Alcohol

RLS:rp

---

ORGANIZED KASHRUTH LABORATORIES • P.O. BOX 216, BROOKLYN, N.Y. 11204 • 718-851-6428

RABBI BERNARD LEVY
Kashruth Administrator
RABBI DON YOEL LEVY
Asst. Kashruth Administrator

This is to certify that we have made a thorough inspection of the ingredients and manufacturing facilities of SOFECIA Ethyl Alcohol in Carteret, New Jersey. We find it to be Kosher for year round use including Passover.

11 Tishri 5746
September 26, 1985

Rabbi Bernard Levy
Kashruth Administrator

This certification is valid until September 30, 1986 and is subject to renewal at that time.

Affiliate of Committee For The Furtherance Of Torah Observance

# וויכטיגע מעלדונג
פון
# LABORATORIES

"אָ.קעי לאַבאָראַטאָריעס" האָט געגעבן איר השגחה און הכשר צו דער SOFECIA COMPANY אויף א סינטעטישן עטהיל אלקאהאל וואס ווערט פאבריצירט אין פראנקרייך און אימפאָרטירט קיין אמעריקע. יעצט איז געקומען צו אונזער אויפמערקזאמקייט אז די דאזיקע פירמע האט אימפארטירט און פארקויפט צו פראדוצירער פון כשר'ע פראדוקטן אן עטהיל אלקאהאל (פארוואנדעלט אין עסיק) וואס איז געמאכט פון וויינטרויבן (ניט קיין סינטעטיש עטהיל אלקאהאל). דער דאזיקער פראדוקט וואס ווערט געמאכט פון וויינטרויבן, איז ניט געווען, און איז אויך ניט היינט, אונטער דער השגחה פון הכשר פון אָ.קעי. לאַבאָראַטאָריעס, און קען דעריבער זיין יאָ אָדער ניט כשר.

**צוליב דעם וואס די פירמע האט פארקויפט דעם דאזיקן פראדוקט מיט אונזער הכשר**

## אָן אונזער דערלויבעניש,

**האבן מיר צוריקגעצויגן דעם הכשר פון דער פירמע.**

דער וויינטרויבן־אלקאהאל איז גענוצט געווארן אין פאבריצירן עסיק און איז פארקויפט געוואָרן צו 2 פירמעס אונטער אונזער השגחה. דאָס זיינען די

**Sigma Packaging Corporation**

וואָס פראדוצירט און פארקויפט הויפטזעכלעך אינסטיטוציאנעלע פראדוקטן; און **Estee Corporation.**

די לעצטע האָט גענוצט דעם וויינטרויבן־עסיק אין 2 פון אירע פראדוקטן:

**Mayonnaise & Salad Dressings**

**מיר לאזן דעריבער וויסן אז ביז א פולע אויספאָרשונג און א ווייטערער מעלדונג**

**האָבן מיר צוריקגעצויגן אונזער הכשר פון**

**Estee Mayonnaise and Estee Salad Dressings**

אלע אנדערע פראדוקטן וואס האבן דעם הכשר פון "אָ.קעי. לאבאראטאריעס", כאטש זיי האבן אלקאהאל, זיינען אלעמאל געווען און זיינען אויך היינט שטרענג כשר בתכלית הכשרות אונטער דער השגחה פון "אָ.קעי."

פאר מער אינפאָרמאַציע ליוועט:

**THE JEWISH HOMEMAKER**
**P.O. Box 324, Brooklyn, N.Y. 11204**

# להסיר מכשול

מיר לאזן וויסן אונזערע חשוב'ע קאסטאמערס דאס דורך א סיבה וואס איז געווען אויסער אונזער קאנטראל, איז אויפגעקומען אויפן עסיק א חשש סתם יינם — ע"כ

## UNGER'S VINEGAR

## טאָר נישט גענוצט ווערן

## UNGER'S MAYONNAISE

## וואס דער סטאָרקיפער האט אריינבאקומען פאר ר"ח ניסן

## טאָר מען נישט נוצן.

אונזערע אנדערע פראָדוקטן וואָס ווערן געמאַכט מיט עסיק

**מעג מען יאָ נוצן, אזוי ווי**

- **PICKLES** • **PEPPER** • **KETCHUP**
- **MUSTARD** • **HERRING**
- **HORSERADISH**

**און אזוי אויך**

**MAYONNAISE**

**וואס דער סטאָרקיפער האט אריינבאקומען נאך ראש חדש ניסן וואס אין זיי איז נישטא קיין שום חשש**

והי' יצילינו מכל מכשול מעו"ע.

**QUALITY FROZEN FOODS**
**(718) 256-9100**

# אן ענטפער פון

# Ⓚ LABORATORIES

## אויף דעם אָפענעם בריוו פון "SOFECIA"

(וואָס איז געווען געדרוקט אין "אלגעמיינעם זשורנאל" לעצטע וואָך מאַי דעם 16טן).

איידער Ⓚ לאבאראטאריעס האט געגעבן דעם הכשר צו **Sofecia Ethyl Alcohol**,
האָט די פירמע געשיקט דעם פאָלגנדן בריוו צו דער אדמיניסטראציע פון
Ⓚ לאבאראטאריעס:

P.O. Box 10324
Stamford, CT 06904-2324
TEL. 203-323-2376
TELEX: ITT 4750057

SOFECIA

September 9, 1985

Rabbi Bernard Levy
OK LABORATORIES
1430 57th Street
Brooklyn, NY 11219

RE: KOSHER FOR PASSOVER CERTIFICATION

Dear Rabbi:

Further to our meeting of August 30, 1985, we would like to confirm the following points:

1 Sofecia's ethyl alcohol is synthetically made from ethylene gas.

2 The grain alcohol we previously stored was produced by Grain Processing Corporation.

3 We do not store any other alcohol that is produced from grain nutrients.

4 The vessels we are transporting the alcohol from Europe to Perth Amboy are life-steam-cleaned before loading.

We hope that the above answers will enable you to certify our alcohol as soon as possible.

Please give me a call if you have any other questions.

Sincerely,

Hans van der Kloot

HVDK/jg

קוקט נאָך
באַזונדערס
אויפמערקזאם
פּאראגראף **1** פון
דעם בריוו ←
וואס לייענט זיך
(אין אידישער
איבערזעצונג)
ווי פאָלגט:

**"סאפיסיא'ס עטהיל אלקאהאל ווערט געמאכט סינטעטיש פון עטהילין גאז".**

דאָס דאזיקע עטהיל אלקאהאל איז רעפרעזענטירט געווארן צו זיין די איינציקע עטהיל אלקאהאל וואס ווערט אימפארטירט און פארקויפט פון "סאפיסיא". די כשרות פון דאזיקן אלקאהאל **איז געווען אויסער יעדן צווייפל.**

ס'איז דעריבער אבסורד פאר "סאפיסיא" אדער אימיצן אנדערש צו זאגן אז דער הכשר פון Ⓚ לאבאראטאריעס איז געווען אויף וועלכן ס'איז אנדער סארט אלקאהאל, אויסער "עטהיל אלקאהאל סינטעטיש געמאכט פון עטהילין גאז".

אויף די דערקלערונגען וואס זיינען געמאכט געוואָרן פון דער "סאפיסיא" פירמע אין איר אָפענעם בריוו פון מאַי 12-טן, 1986, וועלן די Ⓚ לאבאראטאריעס רעאגירן באַזונדער פאר'ן געהעריקן טריבונאל אין א נאָכפאָלגנדן דאַטום.

פאַר מער אינפאָרמאַציע לייענט:

**THE JEWISH HOMEMAKER, P.O. Box 324, Brooklyn, NY 11204**

בס״ד

# פאַרוואָס שווייגט דער האַלמינער רב שליט״א?!

פאַרוואָס שווייגט איר, האלמינער רב!
פאַרוואָס שווייגט איר וועגן דעם גרויסן עסיק־סקאַנדאַל, וואָס איז גענוצט געוואָרן אין אַ סך פּראָדוקטן מיט די הכשרים וואָס רופן זיך ״מהדרין מן המהדרין״, ווי צום ביישפּיל הכשרים פון התאחדות הרבנים, תחת נשיאות קדשו של כ״ק אדמו״ר מסאַטמאַר שליט״א, און עס איז אַנטדעקט געוואָרן, אַז דער עסיק איז געמאַכט געוואָרן פון יין נסך. גרויסע רבנישע אָרגאַניזאַציעס, ווי די ברויער קהילה און אין גאַנץ באַלטימאָר און באָראָ פּאַרק האָבן די רבנים געפּסקנ׳ט צו כשר׳ן די כלים, און פאַרוואָס האָט מען נאָך נישט געהערט פון דער התאחדות הרבנים!

אָבער וואָס איז זיך צו וואונדערן אויף זיי. זיי וועלן שוין געוויס טרעפן אַ היתר כדי ריינצוואַשן זייער נאָמען, כדרכם ביי דעם חלב־סקאַנדאַל און דעם חמץ בפסח סקאַנדאַל, וועלכע האָבן אויך איסורים חמורים פון כריתות, האבן זיי מתיר געווען כדי ריינצוואַשן זייער נאָמען. איז וואָס איז צו דערוואַרטן פון זיי?!

אָבער וואו איז דער האלמינער רב, וועלכער שטורעמט און וועקט דעם עולם, כדרכו בקודש, ביי יעדן כשרות־סקאַנדאַל?

און פאַרוואָס איז ער אַנטשוויגן געוואָרן איצט?

האָט מען אים שוין אויך אונטערגעקויפט?

איז ער נאָר וואַכזאַם ביי איסורי כריתות?

איז דען יין נסך נישט גענוג אַ גרויסער איסור, וואָס ס׳איז ווערט מעורר צו זיין די מאַסן אידן צו כשר׳ן די כלים?

הרב אברהם ראָזענבערג
הרב דוד יוסף פערלמאַן
פון ברוקלין, ניו יאָרק

**נ.ב. אַ שאלה צום רב המכשיר וועגן יין נסך:**

**שאלה א׳:**
שטייט איר בשעת מען פּראָדוצירט דעם עסיק האָט איר דאָך געזען אַז דאָס קומט פון יין נסך!!! איז ווי אַזוי האָט איר געגעבן אַ הכשר אויף יין נסך!

**שאלה ב׳:**
שטייט איר נישט ווען מען מאַכט די כשר׳ע פּראָדוקטן, זענט איר דאָך אַ מאכיל טריפות ומכשיל את הרבנים אַז איר גיט אַ הכשר!

הנ״ל

מיר בעטן נישט אַרויסצוגעבן אונזער טעלעפאָן־נומער און אַדרעס, ווייל מיר ווילן נישט באַלאַגערט ווערן מיט פייערלעשערס און אַמבולאַנסן און פאַרשידענע באַשטעלונגען פון טעלעפאָן־בוך (וואָס מיט דעם מאַכן זיי אָן דעם גרעסטן חילול השם), ווי זייער שטייגער איז, וואָס זיי טוען פאַר אַלע וואָס זאָגן אויס דעם אמת.

---

בעזהי״ת

ווער הכשרות

בהשתתפות הרבנים והקהילות
דהתאחדות הקהילות ולומדי תורה דניו יאָרק

בפיקוח הרב הגאון
מו״ה ר׳ שלום יהודא גראָס שליט״א
אבד״ק האלמין יצ״ו

# בולעטין
# וויכטיקע מעלדונג

אַזוי ווי עטלעכע קלי הדעת לייגן אַריין גרויס האָרעוואַניע צונויפצוקראַצן היתרימ׳לעך אויף דעם מורא׳דיקן מכשול פון **יין נסך**, און כידוע, אויב מען וויל קען מען מטהר זיין אַ שרץ בק״ן טעמים, בפרט ווען מען פאַבריצירט שקרים ווי אַזוי דער יין נסך איז געמאַכט. דערפאַר ווילן מיר בעטן דעם עולם נישט נתפעל צו ווערן פון דער זעלבסט־געקרוינטער קאָמיטע, וואָס מען האָט צוגעזאָגט פאַנטאַסטישע סכומים געלט צו פאַרוואַסערן דעם **יין נסך**.

דאָס מיינט צו פאַרבלענדן דעם עולם, אַז עס איז דאָ וואַסער אַריינגעמישט אין **יין נסך**.

**מיר וואָרענען!!!** לאָזט אייך נישט פאַרפירן פון די לייכטזיניקע מענטשן, וואָס פאַרקויפן זיך פאַר דעם **עגל הזהב** און האַלט שטענדיק פאַר די אויגן די ערנסטע קאָנסעקווענצן פון דעם וואָס ווערט געשטרויכלט מיט **יין נסך**.

והשומע לנו ישכון בטח.

## וועד הכשרות

כשר KOSHER

**VAAD HAKASHRUS**

A Public Service Organization
Dedicated to Strenghtening of Kashrus
Through Research and Developement
c/o RABBI S. Y. GROSS
4711 - 12th Ave., Brooklyn, N. Y. 11219

בס"ד

# אן ענטפער

פון

# ועד הכשרות שע"י
# בית דין צדק דקהל האלמין

## בברוקלין נוא יארק

# ווענן עסיק (VINEGAR)

וועגן דעם וואס דער האלמינער רב איז געווארן קריטיקירט צוליב זיין פארשווייגן די פירצה פון עסיק־יין נסך, ווילן מיר ענטפערן אין נאמען פון האלמינער רב "יישר כחכם" פאר דער אטאקע, געבענטשט זאלן זיין די אטאקירער און כאטש דער האלמינער רב שליט"א האט געהאט טעמים פארן שווייגן. (אגב האט דער האלמינער רב שליט"א געזאגט ביי יענער שטורמישער אסיפה בדרך צחות: "עס איז דאך ידוע פון רמב"ן אז אלע מקרי הזמן זענען מרומז אין פרשת האזינו, דארף דאך יעדעס אינגל אליין פארשטיין אז עפעס א מכשול גייט פאר מיט יין נסך ווייל דער פסוק אין האזינו שרייט דאך **"אשר חלב זבחימו יאכלו — ישתו יין נסיכם"** (דברים לב', לח, נאך חלב קומט יין נסך).

דער האלמינער רב האט געהייסן איבערגעבן אין זיין נאמען דאס פאלגענדע:

"איך בין מוחה נמרצות מיט'ן גאנצן הארץ און נשמה אויף דער שרעקלעכער טראגעדיע וואס פילע צענדליקע טויזנטער שטיבער, דערונטער **הונדערטער טויזנטער אידישע נפשות** זענען אומוויסנד דורכגעפאלן און געפאשעט געווארן מיט **יין נסך־סתם יינם.** איר קענט זיך נישט פארשטעלן וואס דאס באדייט. אלע ווייסן וואס די מדרשים שרייבן, אז דאס פארשטאפט די הארץ און אנטוויקלט אין מענטש אכזריות — שלעכטע מדות — און ברענגט דעם מענטש, רח"ל, צום ערגסטן ... תרבות רעה, רח"ל.

צייטווייליק, ווילן מיר מעורר זיין די מעוררים, אז א איד דארף טאן א מצוה, דערצו אזא גרויסע — בשלימות. דערפאר וואלטן די צוויי רבנים גאונים שליט"א געדארפט מעורר זיין גלייכצייטיק אויך די פאלגנדע גדולים מיט א הארציקן וויי־געשריי!!!

**וואו איז דער באבאווער רבי שליט"א** וועלכער איז ארויס שארף קעגן ארבעטן אין אפיס, אז מען פארט אפ רחמנא ליצלן. **פארוואס שווייגט ער???**

**וואו איז דער קאשויער רבי שליט"א** וועלכער פארדאמט יעדע פירצה און דרש'נט אן אויפהער וועגן **חלב,** מען זאל נישט עסן בהמה פלייש אפילו צוליב בריאות. **פארוואס שווייגט ער???**

**וואו איז דער וויזשניצער רבי שליט"א** וועלכער איז געוועזן דער ערשטער ארויסצו־טרעטן קעגן בהמה־פלייש צוליב חלב — פארוואס שווייגט ער יעצט ווען די וועלט איז פאר־פלייצט געווארן מיט יין נסך!

**וואו איז דער קלויזענבורגער בי"ד** וואס זענען ארויסגעגאנגען שארף וועגן חלב ודם. **פארוואס שווייגן זיי???**

**וואו איז דער גרויסער פוסק, דער אונגווארער רב שליט"א,** בעל משנה הלכות י"ג חלקים ועוד, וואס האט אזוי שארף פארדאמט דעם חלב ודם. **פארוואס שווייגט ער???**

**וואו איז דער באקאנטער פוסק, דער דעברעצינער רב שליט"א,** מח"ס שו"ת באר משה ז"ח, וועלכער איז לוחם די לעצטע 15 יאר קעגן די פליישן און שרייט נבילות־וטריפות — **פארוואס שווייגט ער???**

**וואו איז דער סקווערער בי"ד,** וואס ביי זיי אין שטעטל האבן זיי באלד געמאלדן נישט צו נוצן עסיק פראדוקטן. **פארוואס שרייען זיי אויך נישט צו דער גאנצער וועלט???**

**וואו איז דער מאנסי־בי"ד,** וואס האט ארויסגעוויזן זיין גבורה של תורה מקיים צו זיין דעם "לא תגורו מפני איש" פאר מענטשן וואס ווארפן א פחד אויף יעדן, **פארוואס שווייגן זיי???** איז דען יין נסך נישט אזוי וויכטיק ווי זיך אנצונעמען פאר איין גע'רודפ'טן איד!!!

**ווי איז דער היינטצייטיקער ר' עמרם בלוי — הרב משה דוב בעק שליט"א**

**ווי איז דער היינטצייטיקער ר' עמרם בלוי — הרב משה דוב בעק שליט"א** פון מאנסי, וואס האט ארויסגעגעבן א ספר באשרייבנדיק די גאנצע איבערלעבעניש פון דעם חלב קאמף, ווי מען זעט אפן און קלאר אז מען עסט נאך היינט חלב ודם די וואס נוצן בהמה פלייש, דער באריממטער חיבור הייסט **"עמק הבכה"** און מען קען דאס באקומען ביים מחבר, 8 אויגוסטא עוועניו, מאנסי נ.י. 10952. און **פארוואס שווייגט ער יעצט!!!**

**וואו זענען די אלע רבנים** און ווארטזאגער וועלכע האלטן זיך נישט אפ פון ארויסזאגן זייערע מיינונגען אין אנדערע געלעגנהייטן, און דא שווייגט מען!!! **און וואו איז דער כלל ישראל**, ווי לאנג וועלן זיי זיך לאזן פארפירן! דא זעט דאך יעדער אז איינס פון די צוויי האט פאסירט. אדער זיי האבן געגעבן א הכשר ("למהדרין מן המהדרין") אן זען די פראצעדור פון עסיק און אלע אנדערע פראדוקטן וואו עס קומט אריין עסיק. אדער זיי האבן געוואוסט און זיך ניט ווסנדיק געמאכט. פארוואס הויבט מען נישט אויף א ווייי־געשריי אין אלע גאסן!
**עד מתי! ווי לאנג נאך וועט מען אפנארען מענטשן מיט ענינים וואס זענען העברה על הדת רח"ל!!!**

וואו זענען די אלע וועלכע ליידן פון צער גידול בנים, קינדער וועלכע גייען אוועק פון ריכ־טיקן וועג — נשואי תערובות רח"ל — מיט אלע אנדערע איבלען, וועלכע זענען א דירעקטער רעזולטאט פון עסן מאכלות אסורות, און זיי פארשטייען נישט ווי אזוי דאס פאסירט אין דער צייט **ווען זיי עסן נאר מיט א ריכטיקן הכשר.**

## אידן, עפנט די אויגן!

עס איז שוין די העכסטע צייט יעדער זאל אנערקענען די מוראדיקע הפקירות, וואס הערשט אין פעלד פון כשרות, אן א שיעור פראדוקטן ווערן געמאכט מיט אינגרידיענטס פון אלע טיילן וועלט וואס מאכט אוממעגלעך פארין רב המכשיר נאכצוקאנטראלירן פערזענלעך, ווייל אפילו ער זאל האבן יארן ווי מתושלח, זיין רייך ווי קרח, שטארק ווי שמשון הגבור, און קלוג ווי שלמה המלך, — איז דאס אלץ נישט גענוג צו קענען נאכקומען די שווערע הונדערטער פראדוקטן וועלכע ווערן פאבריצירט אונטערן נאמען פון יעדן רב המכשיר באזונדער. פאראן פראדוקטן וועלכע זענען צוזאמענגעשטעלט מיט 15 אינגרידיענטס, איין טייל פון איטאליע, איין טייל פון שפאניע, איין טייל פון אויסטראליע, איין טייל פון יאפאן, איין טייל פון יוגאסלאוויע, איין טייל פון דרום אמעריקע, איין טייל פון פיליפינען, איין טייל פון ארץ ישראל, איין טייל פון קאנאדע, א.א.וו. יעצט שטעלט אייך פאר בלויז איין פראדוקט ווי לאנג עס דארף נעמען נאכצוקאנטראלירן בשלימות. און מיט דעם איז מען נאך נישט פארטיק, ווייל יעדע שטיק צייט קענען זיך טוישן די אינגרידיענטס, כאטש איינמאל אין 2 חדשים דארף מען דורכגיין די אלע פלעצער נאכאמאל.

יעצט זאגט איר אליין, וויפיל פראדוקטן קענען זיין בתכלית הכשרות!!!

נאר וואס דען, איין רב המכשיר פארלאזט זיך אויפן צווייטן, דער צווייטער אויפן דריטן, דער דריטער איז שוין א שטיקל קל און ער פארלאזט זיך אויף א פושע ישראל. דער פושע ישראל פארלאזט זיך אויפן גוי וואס איז דער אייגענטימער פון פאבריק, וואס ער זאגט עדות אויף זיינע פראדוקטן פון וואס עס איז געמאכט **און דאס אלץ קומט ארויף אויף אייער טיש, מיט דעם פיטערט איר אומשולדיקע שעפעלעך,** וועלכע האבן נאך נישט טועם געווען קיין טעם חטא.

## דער עונש פון יין נסך

אין די ספרים שטייט ספעציעל אויף די וואס ווערן נכשל אין יין נסך אדער סתם יינם פאלגענד:

ער ווערט טמא אויף דער וועלט — ער האט נישט קיין חלק לעולם הבא — ער וועט נישט זוכה זיין צום יין המשומר לע"ל — וועט מגולגל ווערן אין אן אייזעל — און ער איז אויסגעשטעלט נכשל צו ווערן מיט די דריי הארבסטע עבירות (זוה"ק פ' שמיני, קו הישר פרק ע"ו דפוס ישן, ספר הקדוש יין המשומר, יסוד ושורש העבודה, שוה"ט, ספר נפש ישעיי על מאכלות אסורות דף יא, יב, לה, קיט, קכח, שמו, שמז, שמח). עס ברענגט רח"ל צו געמישטע חתונות (שם) ער ווערט פאראָרעמט ביז צום בעטלען א שטיקל ברויט (שם) און ער ליגט אין חרם פון די גאוני עולם רח"ל (לב דוד להחיד"א זלה"ה פרק ט"ז, נפש ישעיי שם).

## שער התשובה

דאס פאלגנדע איז א סדר תשובה פאר די וואס זענען נכשל געווארן אין עסן איינע פון די פראדוקטן, אדער אן עסן וואס האט געהאט איך זיך פון די פאלגנדע פראדוקטן:

**Vinegar, Mayonnaise, Pickles, Pepper, Ketchup, Mustard, Herring, Horseradish**

א) פאסטן 5 תעניותים (רמ"א יו"ד ח"ב סימן קכ"ג סעיף כ"ו). ב) שארפע זאכן אסרין כלים אפילו קאלט, דעריבער דארף מען כשרין אלע כלים וואו מען האט אריינגעלייגט איינע פון די אויבענדערמאנ־טע פראדוקטן. ג) אלע פארצולאן כלים דארף מען פרעגן א שאלה וויאזוי זיך נוהג צו זיין מיט כשרין די כלים.

## תשובת המשקל

1) כאטש איין חודש נישט נוצן די אלע פראדוקטן אפילו אויב עס איז זיכער כשר. 2) דעם גאנצן יאר ביז פסח תשמ"ז איין טאג אין וואך זאל מען נישט פארזוכען די פראדוקטן. 3) יעדן טאג זאל מען זאגן כאטש 3 קאפיטלעך תהלים (מער ווי מען זאגט געוויינלעך) און ביים יהי רצון נאכן תהלים ווען מען זאגט "שתכפר לנו על כל חטאתינו ותסלח לנו על כל פשעינו שחטאנו וכו'" זאל מען אינזינען האבן זיך מתוודה זיין אויף דעם. 4) מען זאל זיך מקבל זיין נישט צו שמועסן אין בית המדרש ביי קדיש, חזרת הש"ץ און קריאת התורה. 5) פארדאפלען די גדרים וסייגים נישט צו נוצן בשום אופן קיין בהמה פלייש מיט סאלאמיס וכו', ווייל בהמה פלייש מיט יין נסך גייען ארעם געשלאסן **ווי עס שטייט אין פסוק**

**"אשר חלב זבחימו יאכלו — ישתו יין נסיכם"** (דברים לב' לח).

# ועד הכשרות שע"י בית דין צדק דקהל האלמין

**RABBI S.Y. GROSS, 4711 - 12th Ave., B'klyn, NY 11219, (718) 436-8086**

בס"ד

## באריכט פון ועד הכשרות:

# גרויסער מכשול פון יין נסך ביי השגחה פון התאחדות הרבנים אין וויליאמסבורג

עס איז שוין עטלעכע חדשים וואס פארשידענע עסנווארג, וואס האבן אויף זיך די השגחה פון בית דין מיוחד פון התאחדות הרבנים ווערן געמאכט פון וויניגער פון יין נסך!!!

מען האט געמאכט א שוויג פון דער מעשה ביז די רבנים הרב היינימאן פון באלטימאר און הרב שמעון שוואב פון וואשינגטאן הייטס האבן געמאכט א ווייגעשריי און אויסגערופן אין זייערע קהילות צו כשר'ן אלע כלים, אין וועלכע מען האט גענוצט די יין נסך.

איינער פון די הויפט בעלי מכשירים, וואס האט געוואלט די וואך מפרסם זיין אין אלע צייטונגען אראפצונעמען דעם געפערלעכן מכשול, האט אים איינער פון די מנהלים אנגערופן און געבעטן בכל לשון של בקשה, אז ער זאל דאס ח"ו נישט מפרסם זיין, און מהיום והלאה וועט מען שוין נישט מאכן מיט יין נסך, אבער דאס וואס מען האט שוין געמאכט ביז איצט וועלן די רבנים שוין געפונען א היתר. אבער דער ערלעכער רב המכשיר האט זיי קאטעגאריש אפגעזאגט און זיי געווארנט, אז זיי זיינען מחוייב דאס מפרסם צו זיין, און האט זיי געפרעגט, ווי קען מען פאר אייגענע אינטערעסן מכשיל זיין אידן מיט יין נסך! ער האט זיי געזאגט, אז ער גייט דאס די וואך מפרסם זיין אין אלע צייטונגען. ענדלעך האבן זיי זיך אונטערגעגעבן באין ברירה, און דער מנהל האט ארויסגעגעבן א פארעווע בריוו, אז עס איז דא א חשש אין די כריין און אין דעם עסיק, כדי צו מאכן א בלבול המוחות אז עס איז נאר דא עפעס א חשש. אבער עס איז ליידער ממש יין נסך, וואס איז אסור אפילו בהנאה.

אין שטעטל ניו סקווער האט מען באלד אויפגעהאנגען א צעטל, אז מען זאל נישט נוצן קיין שום עסיק־ארטיקל. ווי אויך אין ווישניץ. און אין אלע אנדערע קהילות אן אויסנאם, האט מען אויסגערופן, אז מען זאל נישט נוצן קיין שום עסיק־ארטיקלען.

די וועלט וואונדערט זיך, ווער זיינען די רבנים, וואס זוכן צו באהאלטן דעם אמת און מתיר זיין חששים! איינער פון די רבנים, וואס האבן מפרסם געווען דעם מכשול, האט געדונערט מיט א ווייגעשריי אז דער הכשר וואס רופט זיך התאחדות הרבנים איז צו פארנארן דעם עולם, אז מען זאל מיינען אז כאלו 50 אדער 100 רבנים שרייען אז דער הכשר איז כשר. אבער דערווייל איז דער ביטערער אמת, אז נאר איינער פון אפיס גיט די אלע הכשרים, און ער האט ווייטער געדונערט, אז אדרבה, זאלן די רבנים וואס נעמען אן אחריות אויף דער השגחה ארויסקומען אפן און שרייען אז איך גיב די השגחה אויף די אלע ארטיקלען, וואס רופן זיך התאחדות הרבנים. ווייטער האט דער רב געדונערט, אז אלע רבנים וואס באלאנגען אין דער ארגאניזאציע פון התאחדות זיינען מחוייב מוחה צו זיין ברבים אז זיי האבן נישט קיין שום שייכות מיט די אלע השגחות פון התאחדות. ווייטער האט דער רב געזאגט, אז צוליב דעם איז ער נישט קיין מעמבער אין דער התאחדות, ווייל ער וויל נישט טראגן קיין שום אחריות אויף די אלע מעשה נבלה'ס פון דער ארגאניזאציע ווי כשרות, דין תורה'ס און אנדערע.

דער באריכט קומט פון ועד הכשרות שע"י בית דין צדק דקהל האלמין. נאך הונדערטער טעלעפאן־קאלס, וואס אונזער נשיא דער האלמינער רב איז באלאגערט געווארן די פארגאנגענע עטלעכע טעג, האט דער וועד הכשרות ביי א שטורעמדיקער אסיפה מחליט געווען איבערצוגעבן דעם באריכט.

דער וועד הכשרות נעמט די פולע אחריות אויף דעם באריכט.

בהמות און מען דארף זיך מיט זיי פירן ווי מיט מענטשן. לקיים מה שנאמר ציון במשפט תפדה.

ככרכת צלח ורכב על דבר אמת

## הק׳ שלום יודא גראָס, אב״ד דקהל האלמין

**נ. ב.**

א. עס שטייט דאָך אין דער תוה״ק אַז **חלב ודם** לאָזן זיך אויס ל״ע מיט כרת רח״ל. און ווי עס איז ידוע פון זוה״ק און אַלע ספה״ק (עיין בס׳ נפש ישעי׳ ח״א, ח״ג, ת״ו, ח״ז. ועיי״ע בס׳ שחיטת ואכילת כשר כהלכתה חלק א׳ פרק ז׳, ות״ב באריכות גדול) אַז אַלע קראַנקהייטן ל״ע בפרט ביי קליינע קינדער קומען פון מאכלות אסורות. ליידער זעט מען דאָס היינט מיט די אויגן, טאָג־טעגלעך ווערן רח״ל פאַרשניטן יונגע טאַטעס און יונגע מאַמעס פון ערנסטע קרענק ל״ע. געזונטע און שטאַרקע מענטשן ווערן פון איין טאָג אויפ׳ן צווייטן שטערבלעך קראַנק רח״ל און לאָזן איבער ל״ע 10-12 פאַרביטערטע יתומים אין עלטער פון 1 ביז 12 יאָר, וואָס רייסט ביים האַרץ צוקוקנדיק, דאָס האַרץ צעגייט ביי די לוויות ווי קליינע קינדער וויינען מיט טיפע בענקעניש נאָך זייער מוטער.

ווי אַנטוישט ווערט מען ווען דער **״רב המספיד״** שטעלט זיך אַוועק ביים שטענדער און מיט קראקאדיל־טרערן איז ער מסביר פאַר׳ן עולם, אַז אַלין איז צוליב׳ן חטא פון ביטול תורה אדג״ל. אפשר ווייסט איר, ליבע אידן, וואו עס שטייט אויף עון ביטול תורה ״ונכרתה״ אָדער ״ומת האיש ההוא״? אלא מאי, דער רב ווייסט דאָך יאָ דעם אמת, אַז אַלין איז צוליב ״ונכרתה״ פון **חלב ודם** נאָר אַזוי ווי ער איז גאָר דער רב המכשיר, ער שרייט דורך ״יאכלו ענוים וישבעו״, ״כשר למהדרין מן המהדרין כלי שום חשש ופקפוק כלל״, ״וכל המהרהר אחר ההשגחה כאלו מהרהר אחר השכינה״ (דאָס איז אַ נוסח פון השגחה, וואָס איז געווען לעצטנס אויף בהמה פליייש). קענט איר דאָך אַוודאי נישט דערוואַרטן, אַז דער רב זאָל נאָכדעם זאָגן ביים הספד אַז טאַקע זיינע שיינע מליצות ״יאכלו ענווים וישבעו״ א.א.וו. האָבן די כשר׳ע נשמה יונגערהייט אַוועקגעפירט פון דעם עולם, וואָס דאָס איז דער אמת. גיט ער זיך אַן עצה, עס שטייט דאָך ״מותר לשנות מפני דרכי שלום״, און טאָמער וועט ער זאָגן דעם אמת וועט דאָך אַלין אַוויספאַלן אויף אים. דערפאַר דרייט ער אויס דעם האַשיק און ער שרייט מיט די העכסטע טענער ״ביטול תורה האָט אַלין גורם געווען״.

ב. די מנהלי וראשי הישיבה, וואָס לייגן אַריין ריזיקע כוחות אויפצושטעלן אַ דור תלמידי חכמים און יראי ה׳ זאָלן זיי וויסן, אַז אומזיסט איז זייער אַרבעט. אַז פון אייך זייט בויט מען און פון דער צווייטער זייט צעוואַרפט מען. איר פאַקט אַריין אין זיי אַ בלאַט גמרא מיט גרויס האָרעוואַניע, און דערנאָך לייגט איר אַריין אין זיי אַ סאַלאַמי־סענדוויטש (וואָס זיי באַקומען בחנם פון דער רעגירונג) און די תורה און יראת שמים פאַרן צוריק אַרויס, נישט אויפ׳ן פלאַץ נאָר מיט דער צייט.

פאַרוואָס די אַלע וואָס האָבן זיך פאַרהערט פרקים מיט מסכתות יונגערהייט, און ביז אַ פאָר יאָר איז נישטאָ קיין זכר דערפון, און זיי געדענקען נישט קיין איין אות? (אַנדערש ווי אַמאָל אין דער אַלטער היים. ווער עס געדענקט נאָך).

דער תירוץ איז: חלב — נבילה וטריפה, וואָס זיינען מטמטם הלב והמוח!!!

ג. דער בעסטער סימן פון איינעם וואָס זיין האַרץ איז נטמטם געוואָרן פון די אַלע איסורים אויב מען הייבט־אָן צו רעדן מיט אים וועגן חלב ודם און ער דערהערט נישט וואָס מען רעדט. דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז דיין האַרץ און מוח זיינען פאַרשטאָפּט. דערפאַר זאָגט דער פסוק, אַז ווען משיח וועט קומען וועט מקויים ווערן ״ונתתי לכם לב בשר״, אויסצובייטן דעם לב המטומטם מיט אַ לב בשר.

**הנ״ל**


בעזהי״ת

ווּעד הכשרות

בהשתתפות הרבנים והקהילות דהתאחדות הקהילות ולומדי תורה דניו יאָרק

בפיקוח הרב הגאון
**מו״ה ר׳ שלום יהודא גראָס שליט״א**
אבד״ק האלמין יצ״ו

# בולעטין
# וויכטיקע מעלדונג

אַזוי ווי עטלעכע קלי הדעת לייגן אַריין גרויס האָרעוואַניע צונויפצוקראַצן היתרים־מילעך אויף דעם מוראדיקן מכשול פון **יין נסך**, און כידוע, אויב מען וויל קען מען מטהר זיין אַ שרץ בק״ן טעמים, בפרט ווען מען פאַבריצירט שקרים ווי אַזוי דער יין נסך איז געמאַכט. דערפאַר ווילן מיר בעטן דעם עולם נישט נתפעל צו ווערן פון דער זעלבסט־געקרוינטער קאָמיטע, וואָס מען האָט צוגעזאָגט פאַנטאַסטישע סכומים געלט צו פאַרוואַסערן דעם **יין נסך**.

דאָס מיינט צו פאַרבלענדן דעם עולם, אַז עס איז דאָ וואַסער אַריינגעמישט אין **יין נסך**.

**מיר וואָרענען!!!** לאָזט אייך נישט פאַרפירן פון די לייכטזיניקע מענטשן, וואָס פאַרקויפן זיך פאַר דעם **עגל הזהב** און האַלט שטענדיק פאַר די אויגן די ערנסטע קאָנסעקווענצן פון דעם וואָס ווערט געשטרויכלט מיט **יין נסך**.

והשומע לנו ישכון בטח.

**ווּעד הכשרות**

**KOSHER כשר**

**VAAD HAKASHRUS**
A Public Service Organization
Dedicated to Strenghtening of Kashrus
Through Research and Developement
c/o RABBI S. Y. GROSS
4711 - 12th Ave., Brooklyn, N. Y. 11219

# וויכטיקע מודעה און אזהרה
# וועגן דעם כשרות־מכשול פון עסיק

**פון וועלכע פראדוקטן מען דארף זיך היטן**
**און וועלכע פראדוקטן זיינען אומבאריירט פון דעם מכשול**

It was discovered through research done by the OU, Vaad of Baltimore and the Kaf K that an importer of alcohol under the kashruth certification of a widely known kashruth laboratory, had in fact been importing for approximately a six-month period a nonacceptable wine-derived alcohol. This alcohol was sold to many companies under various supervisions to be used to ferment into vinegar. The consumer should be aware that, especially within the Metropolitan New York area, many products that contain vinegar may have been derived from this wine alcohol. To date, we know that the following products are acceptable: all Heinz products, including their vinegar and ketchup; Hellmann's Mayonnaise, Indian Summer Vinegar, Doxee Mayonnaise, Admiration's Salad Dressing, Doxee Salad Dressing, Conway Salad Dressing, Pfeiffer Salad Dressing, Vita herring, Novie Fish, Feature Foods, Springfield Smoked Fish, Lyon Foods, Tnuva Products.

It will take some time for the various kashruth agencies to research each product that uses vinegar. In the interim, people should suspend using all vinegar products which are not yet on an approved list until their Halachic status is properly evaluated.

**Vaad of Baltimore**

**Union of Orthodox Jewish Congregations of America**

**Kaf K Kosher Supervision Services**

ב"ה

# א וויכטיקער מעסעדזש
# צום ברייטן אידישן עולם

פון דער

# אגודת המשגיחים

אין צוזאמענהאנג מיט דעם סקאנדאל ארום א ניט־כשר׳ן עסיק וואס איז גענוצט געווארן אין פראדוקטן וואס זיינען אנגענומען פאר כשר און וואס האט געהאט דעם הכשר פון א גרויסער כשרות־ארגאניזאציע, ווילן מיר קודם כל באדאנקען דעם "ועד" פון באלטימאר פאר אויפדעקן דעם מכשול און אפראטעווען דורכדעם מאסן אידן פון ווייטער נכשל ווערן אין מאכלות אסורות.

צו דער זעלבער צייט ווילן מיר אויך ברענגען צו דער אויפמערקזאמקייט פון דעת הקהל די פולע אויסגעהאלטענקייט פון אונזער שטאנדפונקט, אז

## כשרות פאדערט די וואכזאמע אויג פון א משגיח תמידי אויפ׳ן פלאץ.

ניין, ס׳איז ניט גענוג צו פארלאזן זיך בלויז אויף א רב המכשיר וואס קומט אריין אין פלאץ איין מאל אין חודש. נאר א משגיח תמידי אויפ׳ן פלאץ קען פארזיכערן די פולע כשרות פון א פראדוקט אדער א קייטערינג פלאץ צי א רעסטאראן. אפילו דאס וואס ווערט אדווערטייזט אלס גלאט־כשר מוז האבן א משגיח תמידי אויפ׳ן פלאץ.

זאל דאס וואס איז געשען מיט׳ן מכשול פון ניט־כשר׳ע עסיק דינען ווי א ווארנונג צו אידן מדקדקים בכשרות אז ס׳איז ניטא קיין ערזאץ פאר דער וואכזאמער אויג פון א משגיח תמידי.

---

אויב איר דארפט וועלכע ס׳איז אינפארמאציע וועגן כשרות, זייט איר געלאדן צו ווענדן זיך צו אונז און מיר וועלן אייך מיט פארגעניגן געבן די אינפארמאציע וואס איר פארלאנגט.

הרב שמואל חיים לאקס, פרעזידענט

**KASHRUTH SUPERVISORS UNION LOCAL 621**

41 Union Square West, N.Y., N.Y. 10003, Tel.: (212) 691-9494

ITZKOWITZ
KOSHER

# מודעה נחוצה

די פאָלגענדע פּראָדוקטן, ווי אויך אַלע אונזערע פּראָדוקטן זענען

## כשר למהדרין מן המהדרין

**פיקעלס — קעטשאַפּ — מאָסטערד — מאַיאָנעז (וואָס איז איצט אין די גראָסעריס סיי די כשר לפסח, סיי די פון אַ גאַנץ יאָר) — עסיג (פסח'דיגע, אין אַלע סייזעס, און פון אַ גאַנץ יאָר, נאָר די גאַלאָנס)**

יעדער וואָס האָט מאַיאָנעז אין שטוב וואָס איז געקויפט געוואָרן צווישן כ"ד שבט תשמ"ו (ולמס' Feb. 3 '86) און ערב פסח, זאָל דאָס נישט נוצן

דעם עסיג פון אַ גאַנץ יאָר (נישט כשר לפסח) אין די סייזעס: פיינט, קוואָרט, זאָל מען דערווייל נישט נוצן ביז מיר וועלן עס מברר זיין

מיר אַנטשולדיגן זיך פאַר אַלע אונזערע חשוב'ע קאָסטומערס און מיר בעטן אַז מ'זאָל איינטוישן ביי די גראָסערי די אויבנדערמאַנטע אַרטיקלען פריי אָן געלט

אַלע אונזערע פּראָדוקטן שטייען אונטער די שטרענגע השגחה תמידית פון

**הרה"ג נחום אפרים טייטלבוים שליט"א**
אבד"ק וואלאווע

# להסיר מכשול

מיר לאָזן וויסן אונזערע חשובע קאסטומערס אַז דורך אַ סיבה וואָס איז געווען אויסער אונזער קאָנטראָל איז אויסגעקומען אויף אונזער עסיג אַ חשש פון "סתם יינם" ע"כ

# אונגאַר'ס עסיג (וויניגער) טאָר נישט באַנוצט ווערן

**אונגאַר'ס מאַיאָנעז וואָס די סטאָר האָבן אַריינבאַקומען פאַר ר"ח ניסן טאָר מען נישט באַנוצן**

אַנדערע אונזערע פּראָדוקטן וואָס ווערן געמאַכט מיט עסיג מעג מען יאָ נוצן, ווי פּיקעלס, פעפּערס, קעטשאַפּ, הערינג, מאָסטערד, כריין, און אַזוי אויך מאַיאָנעז וואָס דער סטאָר האָט אַריינבאַקומען נאָך ר"ח ניסן

הה' הטוב יצילנו מכל מכשול מעתה ועד עולם, ויאכלו ענוים וישבעו

**QUALITY FROZEN FOODS INC.**
**(718) 256-9100**

# מודעה נחוצה

פון

## ITZKOWITZ KOSHER FOODS

די פאלגנדע פראדוקטן, ווי אויך אלע אנדערע פראדוקטן אונזערע, זיינען **כשר למהדרין בלי חשש ופקפוק:**

▶ Pickles ▶ Ketchup ▶ Mustard ▶ **Mayonnaise**

וואָס איז יעצט צו באקומען אין גראָסערי, סיי די כשר לפסח און סיי פון א גאנץ יאָר. פסח׳דיקע עסיק אין אלע סייזעס און א גאנץ יאָריקע עסיק — נאָר אין גאלאן סייז.

דער וואָס האָט אין שטוב נים פסח׳דיקע **MAYONNAISE** וואָס איז [illegible] געוואָרן צווישן כ״ד שבט תשמ״ו (ולמספרם פעברואר 3טן, 86׳) [illegible] זאָלן דאָס **נים נוצן**, און אויך נים פסח׳דיקע עסיק אין פיינטס אָדער [illegible] זאָל מען דערווייל **נים נוצן** ביז מיר וועלן עס מברר זיין.

מיר אנטשולדיקן זיך פאר אלע חשוב׳ע קאָסטימערס און מיר בעטן זיי, זיי זאָלן אויסטוישן די אויבנדערמאנטע פראָדוקטן **פריי אָן געלט.**

---

אלע אונזערע פראדוקטן שטייען אונטער דער השגחה פון

**הרה״ג ר׳ נחום אפרים טייטעלבוים שליט״א**

**אבדק״ק וואלאווע יצ״ו**

---

**Itzkowitz Kosher Foods • (718) 497-4482**

---

## Meal Mart

"YOUR PERSONAL CHEF"

גלאט כשר

**מיר ווילן פארשטענדיקן**
**דעם חשוב׳ן עולם**

**אז אלע אונזערע פראדוקטן**
**זיינען געמאכט מיט 100%**
**כשר עסיק**
**בלי שום שאלה כלל.**

**ויאכלו ענוים וישבעו.**

יהושע העשל דייטש הלוי

הרב דקהל „קול יהודה״, ברוקלין

מלפנים אבדק״ק פריימאן ; לאס-אנגעלעס

לראי׳ ביד הרבני החסיד הנגיד נר״י

# בעל הפירמא "נועם — אמת"

איך שהערינג נעשה עם אסידיק עססיד ולא עם עססיג וכשר בלי שום חשש

החריין שעשו על פסח וגם חריין שעושין כעת נעשה עם אסידיק עססיד ואין משתמשים בעססיג כלל הכל נעשה תחת השגחתי עצהיו״ט

וע״ז באעה״ח י״ט למבנ״י ג׳ אמור תשמ״ו לפ״ק

הק׳ יהושע העשל דייטש הלוי

אבד״ק פריימאן יצ״ו

---

KASHRUTH DIVISION
of the
CENTRAL RABBINICAL CONGRESS
of the U. S. A. and CANADA

מחלקת הכשרות
של
התאחדות הרבנים
דארצות הברית וקנדא

85 Division Ave., Brooklyn, N. Y. 11211
384 - 6765-6

ד׳ אייר שנת תשמ״ו לפ״ק.

הרינו מאשרים בזה שה"חריין" של "נועם" שנעשה לאחרי חג הפסח העעל״ט, נעשה מחומץ סינטטי שאין עליהם שום חשש, ויאכלו ענוים וישבעו.

יחיאל יצחק סגייל גליק

מזכיר וספרא דדיינא

KASHRUTH DIVISION
of the
**CENTRAL RABBINICAL CONGRESS**
**of the U. S. A. and CANADA**

מחלקת הכשרות
של
**התאחדות הרבנים**
**דארצות הברית וקנדא**

85 Division Ave., Brooklyn, N. Y. 11211
384 - 6765-6

בס"ד

## מ ו ד ע ה נ ח ו צ ה !

אזוי ווי מיט א צייט צוריק איז אנטשטאנען אן ענדערונג ביי דעם פאבריצירן ע ס י ג , צוליב א נייעם געזעץ, וואס דאס האט אנגערירט דעם כשרות פון עסיג און אויך פראדוקטען וואס האט אין זיך עסיג.

דערפאר געפונען מיר פאר וויכטיג קלאר צו מאכן דאס פאלגענדע וועגן די פראדוקטען פון "הדר" וואס זענען אונטער די השגחה פון "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" :

* ע ס י ג (אימיטעישען) ------ קיין חשש
* ה ע ר י נ ג --------------- קיין חשש
* ח ר י י ן -- נאר די וואס שטייט דערויף "כשר לפסח" די נישט פסח'דיגע איז יא דא א חשש.
* מ א י א נ ע י ז ----------- קיין חשש
* מ א ס ט ע ר ד ------------- קיין חשש
* פ י ק ע ל ס און טאמעיטאס -- קיין חשש
* ק ע ט ש א פ --------------- קיין חשש

די מודעה איז גילטיג אויסשליסליך נאר אויף "הדר" פראדוקטען, און נישט אויף אנדערע פירמע'ס אפילו אויף די זעלבע פראדוקטען.

כ"ה ניסן שנת תשמ"ו לפ"ק.

יהודה ירחמיאל הלוי גרובער

מנהל כללי